# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:49
מוצאי שב"ק.....................8:18

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................מיכה ו'-ז'
בבלי................בבא בתרא פ"א
ירושלמי...................יומא ג'
תוספתא...................אהלות י'
רמב"ם.........פסולי המוקדשין ח'


פרשת כי תצא, י"א אלול, אבות פרק ב', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 48 (666)


## אַ וָואֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי לֶעצְטֶע פַּרְשִׁיוֹת זֶענֶען כִּי תֵצֵא; מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּנֶעם יָאר, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע יָאר, יֶעצְט גֵייעֶן מִיר זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִי יָאר אוּן מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי נְסִיעָה קֵיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי מְנִיעוֹת וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, עֶס מוּז זַיין מְנִיעוֹת לְהַגְדִּיל הַחֵשֶׁק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סו) אַזוֹי וִוי מֶען וַוייזְט פַאר אַ קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן מֶען בַּאהַאלְט עֶס גְלַייךְ, מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן דֶעם קִינְד פַאר דִי גוּטֶע זַאךְ, מֶען וַוייזְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן מֶען בַּאהַאלְט עֶס נָאכְאַמָאל, אַזוֹי וֶוערְט דָאס קִינְד זֵייעֶר אָנְגֶערֵייצְט, אַזוֹי אוֹיךְ: "כָּל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת", יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט דִי קְדוּשָּׁה, "כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק", צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען ווִיל פָארְן צוּם צַדִּיק, "אוֹ שְׁאָר דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת", אָדֶער אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דַארְף טוּן, "נוֹתְנִין לוֹ מִתְּחִלָּה חֵשֶׁק", בְּרֶענְגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְלוּסְטֶענִישׁ, "כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יַעֲשֶׂה הַדָּבָר", אַזוֹי וֶועט עֶר דָאס טוּן, "וְעִקַּר גֹּדֶל הַחֵשֶׁק נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמַּזְמִינִין לוֹ", אוּן דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גֶעבְּן אַ גְלוּסְטֶענִישׁ פַארְן מֶענְטְשׁ - אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען מַאכְט אִים שְׁוֶוערִיקַייטְן צוּ קֶענֶען טוּן דִי זַאךְ, "כִּי כְּשֶׁאִישׁ יִשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת דָּבָר הַצָּרִיךְ לוֹ לְיַהֲדוּתוֹ", וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ טוּן עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "בִּפְרָט כְּשֶׁצָּרִיךְ לוֹ לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ", וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ טוּן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "שֶׁכָּל יַהֲדוּתוֹ תָּלוּי בָּזֶה", וָואס דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, "כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְצַדִּיק אֲמִתִּי", צוּם בֵּיישְׁפִּיל פָארְן צוּם צַדִּיק אֱמֶת, "אֲזַי מַזְמִינִין לוֹ מְנִיעָה", בְּרֶענְגְט מֶען פוּן הִימְל אַ שְׁטֶער זָאל אִים צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קֶענֶען גֵיין צוּם צַדִּיק, "וְזֹאת הַמְּנִיעָה הִיא בִּשְׁבִיל הַחֵשֶׁק", דָאס אִיז מִיט אֵיין כַּוָּונָה, דָאס אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק, "כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק יוֹתֵר לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר", אַזוֹי בַּאקוּמְט עֶר נָאךְ מֶער גְלוּסְטֶענִישׁ, "כִּי עַל יְדֵי הַמְּנִיעָה שֶׁמּוֹנְעִין אֶת הָאָדָם מִן הַדָּבָר, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הִתְגַּבְּרוּת הַחֵשֶׁק מְאֹד", וַוייל דוּרְךְ מְנִיעוֹת ווִיל מֶען נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אוּן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער.

גְלֵייבְּט מִיר, אַלֶע גֵייעֶן מִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶס לוֹינְט, עֶס אִיז אַלֶעס כְּדַאי צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער תִּיקוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. גֶעבְּט נָאר אַכְטוּנְג אוֹיף עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת, גֶעבְּט אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי עֶנְק רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר. דֶער מְצִיאוּת אִיז, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען רֶעדְט וֵוייךְ, מֶען רֶעדְט מִיט הַכְנָעָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועט דִי וַוייבּ לָאזְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, זִי וֶועט אוֹיךְ אַיינְפַּאקְן גוּטֶע גֶעבֶּעקְס אוּן שִׁיקְן מִיטְן גַאנְצְן הָאֶרֶץ.

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאף אַייךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם רֶבִּי'ן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן טוּן דִי עֵצוֹת; בְּעִיקָּר דוּרְךְ תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אַוֶועק רַייסְן אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג אִין אַ לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ וֶוער נָאר וַוייטֶער פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר", אַז מֶען פָאלְגְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, מֶען וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ג)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַואֹרְט אַז דֶער רָב זָאל


<<<<<<


## א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ, דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁוֶוער, עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן טוּנְקְל; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית א, ה): "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר", עֶרְשְׁט אִיז פִינְסְטֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט טָאג, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג.

עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ רִינְגְל, אוֹיפְן רִינְגְל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת ג' ז' י', עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיפְן רִינְגְל אוּן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, דִי בַּאדִינֶער הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס דִי אוֹתִיּוֹת מֵיינֶען, הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זֵיי עֶרְקְלֶערְט: "וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע מִינוּטְן קוּק אִיךְ אוֹיף מַיין רִינְגְל, אוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת גז"י, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַּם זֶ"ה יַעֲבוֹר - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין, יֶעצְט זֶעט טַאקֶע אוֹיס וִוי עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, אָבֶּער אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ד)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַוַדַאי וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן! אַוַדַאי וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן! וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע? אַז דוּ וֶועסְט אַיינְנֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט אוּנְז – וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן זִיס.

דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל) דֶער צַדִּיק אִיז דֶער דָאקְטֶער; עֶר הֵיילְט אוּנְזֶער נֶפֶשׁ מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, אוּן וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת – וֶוערְט אִים דִי לֶעבְּן זִיס, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין, זָאל זַיין שְׁטָאק טוּנְקְל, חוֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִיצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס אִין דִי צָרָה, אוּן אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן "תּוֹדָה וְהוֹדָאָה", דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיבּ אוּן זִינְג נִיגוּנִים, אוּן אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן גֵיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים פְּרֶעגְן: "בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? בִּין אִיךְ גֶערֶעכְט? בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט? דַארְף אִיךְ טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָדֶער אֶפְשַׁר נִישְׁט?" אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט, אוּן אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה; דִי מֶעדֶעצִינֶען הֵיילְן, מֶען דַארְף עֶס אַיינְנֶעמֶען אוּן גְלֵייבְּן אוּן וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ג)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

ח. לְעוֹלָם יַקְדִּים אָדָם תְּפִלָּה לְצָרָה. אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַלְץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אֵיידֶער דִי צָרָה קוּמְט אָן.

ט. כָּל הַמְאַמֵּץ עַצְמוֹ בִּתְפִלָּה לְמַטָּה, אֵין צָרִים יְכוֹלִים לְהַסְטִינוֹ מִלְמַעְלָה. וֶוער עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוּנְטְן, קֶענֶען דִי מְקַטְרְגִים נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִים פוּן אוֹיבְּן.

י. לְעוֹלָם יְבַקֵּשׁ אָדָם רַחֲמִים שֶׁיִּהְיוּ הַכֹּל מְאַמְּצִין אֶת כֹּחוֹ, וְשֶׁיְּסַיְּעוּהוּ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים, וְשֶׁלֹּא יִהְיוּ לוֹ מַסְטִינִים מִלְמַעְלָה. אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעדֶער זָאל אִים הֶעלְפְן שְׁטַארְקְן זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן בֶּעטְן רַחֲמִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מְקַטְרְגִים פוּן אוֹיבְּן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֶבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוּוּנְדֶערְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֶבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֶבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֶבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי׳שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְ׳ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַן אֶמֶתְ׳ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען

<<<<<<

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט בֵּיי זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִיבּוּר אוֹיף גַאנְץ מַסֶּכֶת תָּמִיד, אוֹיף פְּשַׁט, רֶמֶז, דְּרוּשׁ, אוּן סוֹד.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל מַסֶּכֶת תָּמִיד מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי גְּמָרָא (תָּמִיד כ"ו:) "לַאו אוֹרַח אַרְעָא לְעִיּוּלֵי מִטּוֹת לְבֵית הַמִּקְדָּשׁ", עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען בֶּעטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִי"ע, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בִּיאוּר הַלִּיקוּטִים", הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען בֶּענְקְלֶעךְ בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי׳ן, וַוייל זֵיי פְלֶעגְן דָארְטְן פַארְבְּרֶענְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט מִיט תְּפִילָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן מִיטְ׳ן לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶּער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִי"ע הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ רֶבִּי׳ן בֵּיי וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט נִגְלֶה, דָאס אִיז גֶעוֶוען הרה"ח רֶבִּי מֵאִיר לֵייבּ בְּלֶעכֶער זַ"ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז אֵיידֶער עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט דֶערְצוּ פַאר גַאנְצֶע דְרֵיי טֶעג נָאכְאַנַאנְד, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַּחַד אוּן צִיטֶער, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע בּוּשָׁה אוּן יִרְאָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן יֶעצְט וֶוערְט מֶען שׁוֹין אַזוֹי הֵיימִישׁ מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען בְּרֶענְגְט שׁוֹין אַרַיין בֶּענְקְלֶעךְ צוּם צִיּוּן?! וָואס אִיז שְׁלֶעכְט צוּ זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד?"

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א׳, סִימָן ז׳-ח׳)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זַיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זַיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זַייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זַייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֶמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֶמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה?!"

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוּן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זַייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֶבֶר אָבֶער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ן אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן אִים זַיין אָפְן אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מוֹרָא פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

שְׁ'כֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט שְׁרַייבְּן אוֹיף אוּנְז, אִיךְ בֶּעט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גוּטֶע יָאר, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אָבֶער מוֹרָא וָואס גֵייט זַיין, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין בַּיי יֶעדְן אִיד, וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דַארְף אָנְכַאפְּן אַ פַּחַד 'וָואס גֵייט מֶען מִיר דַן זַיין דֶעם יוֹם הַדִין?' מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט זָאגְן תְּהִילִים, מִיט טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אוּן פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי פַּחַד - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן, מִיט דִי מִצְוֹת אוּן מִיט דִי אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִרְאָה אוּן מִיט אַהֲבָה, מִיט פָארְכְט אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, עֶס מוּז גֵיין בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ג') דֶער סֵדֶר אִין דִי וֶועלְט אִיז, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מִשְׁפָּט טוּט זִיךְ אָן שְׁוַוארְץ אוּן לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן זַיינֶע הָאר, עֶר גֵייט צוּם מִשְׁפָּט טְרוֹיעֶרִיגֶערְהֵייט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען וֶועט אִים מִשְׁפָּטְ'ן, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל אֵינָן כֵּן", אָבֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה - טוּעֶן נִישְׁט אַזוֹי, "אֶלָּא לוֹבְשִׁים לְבָנִים", זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן שֵׁיינֶע וַוייסֶע קְלֵיידֶער, מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קעד)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דָאס קִינְד שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם וֶוערְט נִסְתַּלֵק, אוּן דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט אוֹיף שַׁבָּת אִין אַ דֶערְפְל נֶעבְּן בְּרֶסְלֶב, אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' חַיִים שָׂרָה'ס.

### תר

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן שִׁבְעָה אִינֶעם דֶערְפְל נֶעבְּן בְּרֶסְלֶב, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קוּמֶען, אוּן מֶען הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל הַאלְטְן בְּסוֹד וואוּ עֶר אִיז, עֶר וִויל נִישְׁט מֶען זָאל וִויסְן וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט פַאר ר' חַיִים שָׂרָה'ס, "דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי חַיִים וִיטַאל נָאר אֵיין סוֹד, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן בַּיי אִים אַ קִינְד. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי מִיר, וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַזוֹי סַאךְ סוֹדוֹת".

### תרא

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "טְרָאץ דִי אַלֶע יִסוּרִים, אִיז עֶס אָבֶער

<<<<<<

נָאכְאַלְץ מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וִוילְן נָאר נִישְׁט פַּארְקְלֶענֶערְן דִי יִסוּרִים. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט קֵיין קְלֵיינֶע יִסוּרִים, אָבֶּער קֶעגְן אֵיין דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען אִיז נָאר זוֹכֶה צוּ סַיי וֶועלְכֶע סָארְט בְּחִינָה פוּן דְבֵיקוּת, צִי בְּמַחְשָׁבָה צִי אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן, אִיז אַלֶע יִסוּרִים מַמָשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם. אוּן דוּרְךְ דִי יִסוּרִים אַלֵיין וֶוערְט מֶען מֶער נֶענְטֶער אוּן מֶער דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן מִיר דָאס גֶעזוּנְט, וֶוער הָאט עֶס אַוֶועקְגֶענוּמֶען? דָאס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ וֶוער דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אַז מֶען נֶעמְט אַוֶועק חַס וְשָׁלוֹם אַ קִינְד, וֶוער הָאט עֶס גֶעטוּן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין עוֹלָם הַבָּא אִיז מֶען מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**תרב**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע יִסוּרִים וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ פוּן אַלֶע זַייטְן אַרוּם אוּן אַרוּם. דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע יִסוּרִים סֵיי פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן סֵיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן, סֵיי פִיזִישׁ הָאט עֶר שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק מִיט גָאר גְרוֹיסֶע וֵוייטָאגְן אוּן יִסוּרִים אִינֶעם גוּף, אוּן סֵיי בְּנֶפֶשׁ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערִיקֵייטְן, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אָנְהוֹיבְּן מַמָשׁ פוּן פְרִישׁ, עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קֵיין אֵיין רֶגַע, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט עֶר פוּן פְרִישׁ גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מַשִׂיג גֶעוֶוען וָואס עֶר הָאט מַשִׂיג גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרוֹיף אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לוֹחֵם זַיין מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט לוֹחֵם גֶעוֶוען, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דֶער רֶבִּי אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוֹיךְ בְּרוּחְנִיוּת, אוּן וַוייטֶער פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גֶעוַואלְדִיגֶע יִסוּרִים פוּן דִי גֶעפֶערְלִיכֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל נַארִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, אַרוֹיפְגֶעשְׁמִירְט אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט, סְפֶּעצִיעֶל אִין יֶענֶעם זוּמֶער גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דִי צְוֵויי תַּלְמִידִים אוֹיף אַ שְׁלִיחוּת (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תק"צ), אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן אַזוֹיפִיל שְׁקָרִים אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן יִסוּרִים פוּן דֶעם וָואס דִי מַחְלוֹקֶת הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט, נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁטִילְט פוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלִי (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן שפ"ב).

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים פוּן אַלֶע זַייטְן, אִיז אִינְצְוִוישְׁן אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי רֶבִּיצִין, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן, זִי הָאט גֶעהַאט דְרֵיי טַעֲנוֹת; אֵיינְס, פַארְוָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ, פַארְוָואס עֶר הִיט נִישְׁט אוֹיף זַיין גֶעזוּנְט, צְוֵוייטְנְס, פַארְוָואס דֶער רֶבִּי שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹיפִיל אַרוּם אוֹיף דִי וֶועגְן, אוּן דְרִיטְנְס פַארְוָואס עֶר הָאט צוּגֶעלָאזְט אַז דָאס קִינְד זָאל נִפְטַר וֶוערְן. פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אפדעיטס פונעם בנין היכל הקודש אין אומאן

אידן איבער די גאנצע וועלט פיבערן מיט הכנות צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה. אידן פון אלע שיכטן און קרייזן, נישט נאר ברסלב'ע חסידים, גרייטן זיך צום הייליגן ראש השנה, און ווילן אויך זוכה זיין צוריק צו קומען צום אייבערשטן, צו ווערן אנגעשריבן בספר חיים טובים, צו האבן א זיס ליכטיג יאר, און זיי גרייטן זיך צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף אומאן, צו נעמען דעם רבי'ן פאר אן אדוואקאט ביים פארכטיגן יום הדין, אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט אז ער וועט זיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט צו העלפן די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

ביים בנין "היכל הקודש" אין אומאן טוט זיך אויך גרויסע הכנות, אין א בריוו פארגאנגענע וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "אומאן נייעס: די גבאים אין אומאן ארבעטן זייער פלייסיג אנצוגרייטן דעם בנין אויף צו קענען מקבל פנים זיין אלע אנשי שלומינו וואס קומען צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה, מען האט גרעסער געמאכט די מקוה, אויך האט מען געבויט א שאטער וואו מען וועט עסן די סעודות, אויך האט מען אנגעגרייט אין אלע שטיבער שענק אז די שטיבער זאלן זיין מער מסודר."

און דער עיקר גרייט מען זיך מיט אסאך תפילות, רצונות, און בענקשאפט, זוכה צו זיין צו די געוואלדיגע תיקונים וואס דער רבי וועט מאכן מיט אונז אין אומאן, מיר דארפן נאר נעמען דעם זעקל ביינער און עס ברענגען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי ער האט געבעטן און פארלאנגט, און דער רבי וועט שוין מאכן מיט אונז גרויסע זאכן, מיר וועלן אהיימקומען מיט פילע זעק און פעק פון ישועות און רפואות ברוחניות ובגשמיות פאר'ן גאנצן יאר.

אנשי שלומינו האבן א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר די געטרייע איבערגעגעבענע אינגעלייט וואס געבן זיך אוועק יאר יערליך בלב ונפש אנצוגרייטן און אנצופירן מיט די גרויסע אפעראציע צוצושטעלן דעם בנין מיט אלעם ארום על צד היותר טוב. אזוי ווי עס ווערט גרעסער דער ציבור, פון אונטער הונדערט מענטשן האלט מען שוין היינט ביי איבער 600 קע"ה, און דעריבער האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן ווער עס קען צולייגן א פלייצע און איבערנעמען א חלק פון די ארבעט אויף זיך. עטליכע חשובע אינגעלייט האבן זיך אנגערופן און גענומען אויף זיך צו נעמען א טייל פון די ארבעט, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס זיין א גרויסע הילף פאר יעדן איינעם.

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אורי קליין** הי"ו
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון**
החתן **יואל קליין** הי"ו עב"ג למזל טוב
בת הרה"ג **אלימלך שארף** שליט"א

***

מו"ה **הערשל טריכטער** הי"ו קרית יואל
**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג למז"ט**

***

מו"ה **שלום אלי' אינדיג** הי"ו מאנטרעאל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **רפאל כ"ץ** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **חיים אליעזר פויגל** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון יעקב נ"י למזל טוב**


## ליקוטי מוהר"ן

**האט איר אלץ געוואלט לערנען און פארשטיין דעם "ליקוטי מוהר"ן"? הערט די הערליכע שיינע שיעורים מיט געשמאק**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 7**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**